# *OKSFORDER YIDISH*

# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

Rakhmiel Peltz (New York & Boston)
The Politics of Researching Spoken Yiddish in the USA and the USSR 141

I

1990

Edited by
Dovid Katz
*Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies*
*and*
*St Antony's College, Oxford*

harwood academic publishers
chur london paris new york melbourne
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

# די פּאָליטיק פֿון פֿאָרשן די גערעדטע שפּראַך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און אין סאָוועטן=פֿאַרבאַנד

פֿון
רחמיאל פּעלץ
ייוואָ (ניו־יאָרק) און באָסטאָנער אוניווערסיטעט

I

זײַן ערשטן בוך, *שטאַפּלען*, האָט מאַקס ווײַנרײַך אָנגעהויבן מיטן קאַפּיטל „וואָס מיר האָבן און וואָס אונדז פֿעלט" (מ. ווײַנרײַך 1923: 5-58). אָט דעם דין וחשבון, מוזן מיר זיך, ווי פֿאָרשער פֿון יידיש, כּסדר אָפּגעבן. און דער חשבון דאַרף משפּיע זײַן אויף אונדזער אָפּקלײַב פֿון טעמאַטיק, כֿאָטשיק טיילווײַז. איך וועל אַרומרעדן די טעמע פֿון אויסקלײַבן אַן אָביעקט, אַ פּראָבלעמאַטיק פֿון פֿאָרשונג, דער עיקר בנוגע איין שטח פֿון פֿאָרשן יידיש: דער שפּראַך=באַנוץ אין טאָג=טעגלעכע באַציִאונגען. אין אָט דעם פּראָצעס פֿון אויסקלײַבן אַ טעמע און אַ מעטאָדאָלאָגיע, פֿירן מיר, אַלע פֿאָרשער אין פֿאַרשידענע דיסציפּלינען, אַ פּאָליטיק וואָס באַשטימט די אויספֿירן פֿון אונדזער אַרבעט און דאָס פּנים פֿונעם גאַנצן געביט.

ווי אָביעקטיוו מ'זאָל נישט וועלן זײַן, סײַ אין די נאַטור־וויסנשאַפֿטן, סײַ אין די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן און אין דער הומאַניסטיק, פֿירט דער פֿאָרשער אַרײַן די אייגענע פּערזענלעכקײַט אין דער פֿאָרשאַרבעט. דערצו איז די השפּעה פֿון אייגענע לערער, פֿריערדיקע פֿאָרשער, און די הײַנטיקע מאָדעס אַ ווילטיקער דרוק בײַם באַשטימען וואָס איז ווילטיק אויסצוגעפֿינען און וואָס איז פֿון צווייטראַנגיקן באַדײַט. אין מײַן אייגענער אַרבעט במשך פֿון די פֿאַרגאַנגענע עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָב איך זיך אויסגעלערנט סײַ אין ביאָלאָגיע, סײַ אין די שפּראַך־וויסנשאַפֿטן ווי ווילטיק ס'איז פֿאַרן אויסטײַטש פֿון די אויספֿירן גוט צו פֿאַרשטיין די פּאָזיציע פֿונעם פֿאָרשער, פֿונעם א י ך אינעם גאַנצן פּראָצעס. די אײַנזעאונג מײַנע איז געוואַקסן אַדאַנק די אויטאָביאָגראַפֿישע באַריכטן פֿון מאָלעקולאַר־ביאָלאָגן און די רעפֿלעקסיווע אַרבעטן פֿון די הײַנטיקע עטנאָגראַפֿן. אַזוי ווי מײַן צוגאַנג צו דער שפּראַך־פֿאָרשונג איז מערסטנס ווי אַן עטנאָגראַף, ווי אַ באַטייליקטער אָבזערוואַטאָר, האָב איך זיך בײַ זיי אַ סך געלערנט.

מיט אַ קורצער צײַט צוריק, אויף דער יערלעכער קאָנפֿערענץ פֿון דער אַמעריקאַנער אַנטראָפּאָלאָגישער געזעלשאַפֿט האָט עדוואַרד ברונער זיך אויסגעדריקט אַזוי:

If we agree that there are no neutral observers, if we agree that we all take sides, the question is, then, how far do you go in taking sides? Are there boundaries between scholarship and politics?

(קאַפּלין 1988)

איך האַלט, אַגבֿ, אַז גרענעצן עקזיסטירן יאָ, כאָטש זיי זײַנען נישט אַלעמאָל שטײַף. און אין דער בייגעוודיקער אינטערפֿאַזע פֿון וויסנשאַפֿט און פּאָליטיק מוזן מיר שטיין אויף דער וואַך מיט פֿראַגן, אַפֿילו אויב מ'האָט נישט קיין ענטפֿערס. און די צווישן אונדז וואָס מיינען נאָך אַז מ'איז אַן אָביעקטיווער פֿאָרשער דאַרפֿן אָנהייבן מיט דער פֿראַגע פֿון אָפּקלײַב: פֿאַרוואָס אַרבעט מען אויף אָט דער פּראָבלעם און נישט אויף אַ צווייטער?

איך וויל אָנרירן די געשיכטע פֿון פֿאָרשן דאָס גערעדטע יידיש אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דערנאָך וועל איך מאַכן אַ קורצן פֿאַרגלײַך מיטן מצבֿ פֿון דער פֿאָרשונגס־פּראָבלעמאַטיק אין סאָוועטן פֿאַרבאַנד. צום סוף וועל איך שרײַבן וועגן מײַן אייגענער פּאָליטיק בײַם פֿאָרשן די גערעדטע שפּראַך.





II

אָפּהאַנדלונגען וועגן יידיש אין אַמעריקע ווי בײַ שטאַרקמאַן (1939) אָדער דאָראָשקין (1969) באַשרײַבן נאָר געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס און דערמאָנען אַפֿילו נישט די גערעדטע שפּראַך. יידיש־טעקסטן פֿון דער גערעדטער שפּראַך ענלעך צו די וואָס האָוגען (1953) האָט אָפּגעדרוקט מיט 35 יאָר צוריק אינעם אַמעריקאַנער נאָרוועגיש פֿאַרמאָגן מיר בכלל נישט. די אינטערוויו־פּראָיעקטן מיט אַמעריקאַנער יידיש־רעדנדיקע מענטשן האָבן אָדער נאָר רעקאָרדירט ענגליש (ווי בײַ מײַערהאָף 1978) אָדער נאָר אַנאַלידירט פֿאָרעם און אינהאַלט פֿונעם טעקסט און נישט שפּראַך־פּרטים (ווי בײַ מינץ 1968). קירשנבלאַט־גימבלעט (1972: 84-330) האָט אָבער געשריבן וועגן שפּראַך־אויסקלײַב און איבערבײַט אין פֿאַרבינדונג מיט דער אַנאַטאָמיע פֿון דער פֿאָלקס־מעשה און אַנדערע זשאַנרען.

ס'רובֿ פֿון דער פֿאָרש־אַרבעט, דער עיקר פֿון פֿישמאַן און זײַנע מיטאַרבעטער (1965, 1985) שטעלט דעם טראָפּ אויף דער מאַקראָ־סאָציאָלאָגיע פֿון יידיש אין אַמעריקע: אינפֿאָרמאַציע פֿון דער פֿאָלקס־ציילונג, יידישע צײַטונגען, יידיש אין די שולן. ווען מיר קוקן אָבער אויף די מאַקראָ־סאָציאָלינגוויסטישע שטודיעס, די וואָס באַהאַנדלען די סיטואַציע פֿון אַ שמועס און דעם קאָרפּוס פֿון דער גערעדטער שפּראַך, איז דער פֿאַרנעם אַ סך מער באַגרענעצט (סלאָבין 1963, ראָנטש א"א 1969, יאָכנאָוויץ 1968, הײַלמאַן 1983: 160-200). לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף סלאָבינס עמפּירישער פֿאָרשונג פֿונעם אויסקלײַב פֿון פּראָנאָמען כדי אויסצודריקן מאַכט אָדער אינטימקײַט, לויט דער שיטה פֿון בראַון און גילמאַן (1960). ס'האָט סלאָבינען נישט פֿאַראינטערעסירט ווי אַזוי די אימיגראַנטן רעדן אין אַמעריקע אין 1963 ווען ער האָט זײַן פֿאָרשונג דורכגעפֿירט, ער איז נאָר געווען פֿאַראינטערעסירט אין דעם ווי זיי האָבן אַמאָל גערעדט אין אייראָפּע. ער האָט געצילט, לויט זײַנע ווערטער:

[to] reinstate the set of speaking Yiddish in its native environment in the past [...] establishing the set of viewing social relations through the eyes of a young person from the perspective of middle or old age.

(סלאָבין 1963: 195-196)

פּשוטער וואָלט געווען צו פֿאָרשן ווי אַזוי זיי רעדן אין אַמעריקע, נאָר די וואַנדערונג איז געווען צום מקור, צו מזרח אייראָפּע. דער יידישער שפּראַך און קולטור־אַטלאַס אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט האָט שוין באַשטעטיקט אַז מ'קען פֿאָרשן די יידישע שפּראַך ווי זי איז גערעדט געוואָרן אין אייראָפּע דורכן אינטערוויואירן אימיגראַנטן אין אַמעריקע און ישראל. כאָטש דער אַטלאַס שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם גרעסטן אַרכיוו פֿונעם גערעדטן יידיש פֿון אַמעריקאַנער אימיגראַנטן, צוליבן צונויפֿשטעל פֿון דער אַנקעטע און דער מעטאָדיק פֿון אַנאַליז, איז שווער אַרויסצודרינגען אינפֿאָרמאַציע וועגן די אופֿנים אויף וועלכע מ'רעדט יידיש in situ אין אַמעריקע.

מיר פֿאַרמאָגן אָבער צוויי דיסערטאַציעס, פֿון גרין (1963) און רייפֿילד (1970) וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דער גערעדטער שפּראַך אין אַמעריקע. זיי זײַנען פּרטימדיקע באַריכטן וועגן אַרײַנמיש, אָדער אינטערפֿערענץ, וואָס קומט פֿאָר אין דער יידיש־ענגלישער צווייִשפּראַכיקייט. נאָר ביידע האָבן נישט באַטאָנט אייגנשאַפֿטן פֿון יידיש וואָס זײַנען נישט קיין אויסוואוקס פֿון דער השפּעה פֿון ענגליש. רייפֿילד האָט געמיינט אַז ס'איז נישט וויכטיק צו דערמאָנען די פֿאַרשידענע קאָנטעקסטן פֿאַר שפּראַך־באַנוץ ווײַל זי איז געווען איבערגעצײַגט אַז:

> a language in contact with another language changes in accordance with linguistic laws, sociocultural factors playing only a minor part.
>
> (רייפֿילד 1970: 52)

הײַנט פֿאַרשטייען מיר אַ ביסל בעסער ווי אַזוי די לינגוויסטישע געזעצן ווערן באַווירקט פֿון סאָציאָלאָגישע און קולטורעלע פֿאַקטאָרן. אין איין שטעל אָנערקענט גרין (1963: 109) די שוועריקײַט פֿון קלאָר פֿונאַנדערטיילן צווישן ענגליש און יידיש. נאָר ביידע דיסערטאַציע־שרײַבער האָבן געאַרבעט אונטער דער השפּעה פֿון איין זײַט פֿון אוריאל ווײַנרײַכס (1953) טעאָרעטיש־סטרוקטורעלן צוגאַנג צו דער פֿאָרשונג פֿון שפּראַכן אין קאָנטאַקט, און פֿון דער אַנדערער זײַט פֿון די רשימות ענגלישע ווערטער וואָס יידיש האָט אויסגעבאָרגט, וואָס ס'האָבן צונויפֿגעשטעלט יאָפֿע (1936, 1943), מאַרק (1938) און ניומאַן (1938). די שטודיעס האָבן געשטעלט די גרענעצן פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער גערעדטער שפּראַך אין אַמעריקע: דהײַנו, די השפּעה פֿון ענגליש.





אין פּוילן האָט מען שטודירט די השפּעה פֿון פּויליש אויף יידיש, אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד די השפּעה פֿון רוסיש אויף יידיש. אין אַמעריקע און אין די תּפֿוצות בכלל איז דער צוגאַנג פֿון פֿאָרשער צו די אימיגראַנטן, זייערע קינדער און קינדסקינדער. זעלטן באַפֿאַרבט מיט אַ פֿאַרשטאַנד פֿונעם שטייגער לעבן ווי אַ המשך פֿון טויזנט יאָר אַשכּנז. בדרך כּלל זוכן נישט די פֿאָרשער די שותּפֿותדיקע אייגנשאַפֿטן מיט אָט דער טראַדיציע, נאָר להיפּוך, ווי אַזוי דער קיבוץ טיילט זיך פֿונאַנדער פֿון אַלץ וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿריער. לאָמיר אַ קוק טאָן אויף די גורמים פֿון אַזאַ צוגאַנג בנוגע דער שפּראַך־פֿאָרשונג.

דאָס אַליין וואָס ס'איז דאָ אַזוי ווייניק אַרבעטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דעם ווי אַזוי, וואו, ווען און ווער רעדט יידיש אין אַמעריקע שפּיגלט אָפּ, לויט מײַן מיינונג, די באַציאונג פֿון די פֿירנדיקע יידישע לינגוויסטן, בתּוכם יודל מאַרק און מאַקס ווײַנרײַך. זיי זײַנען געווען זייער איבערגעגעבן די נאָרמאַטיווע פֿראַגן אין דער לינגוויסטיק. דאָס אַמעריקאַנער יידיש האָבן זיי אָפּגעזאָגט אַן אָרט ווי אַ פּאָטענציעלער סטאַנדאַרד וואָס זאָל טויגן אויף נאָרמאַטיווע באַשלוסן און האָבן דעריבער באַשטימט אַז די שפּראַך ווי זי שטייט און גייט אין אַמעריקע איז נישט ווערט מ'זאָל זי פֿאָרשן. אַזאַ שטעלונג שטאַרצט זיך אַרויס פֿון אַן איבערבליק איבערן זשורנאַל *יידישע שפּראַך*, וואָס דער ייוואָ גיט אַרויס אין אַמעריקע זינט 1941.

*יידישע שפּראַך* גיט זיך אָפּ מיט דער כּלל־שפּראַך, נאָר אַזוי ווי ער איז דער איינציקער זשורנאַל אויף דער וועלט וואָס פֿאַרנעמט זיך דורכויס מיט דער יידישער שפּראַך, האָט ער פֿאַרברייטערט די טעמאַטיק און איז כּולל אויך דיאַלעקטאָלאָגיע און שפּראַך־געשיכטע. פֿון זינט דעם ערשטן נומער געפֿינט מען נאָר צוויי אַרבעטן וואָס זײַנען איבערגעגעבן דעם אַקטועלן שפּראַך־באַנוץ אין אַמעריקע: גוטמאַנס (1958) אײַנדרוקן פֿון דער שפּראַך פֿון דער ראַדיאָ־סטאַנציע WEVD און איצקאָוויצעס (1944) קריטיק פֿון דער טערמינאָלאָגיע וואָס איז גענוצט געוואָרן אויף אַ זיצונג פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַציע.

ס'רובֿ פֿון דער דיסקוסיע אין זשורנאַל בנוגע יידיש אין אַמעריקע איז פֿאָרגעקומען אין די ערשטע פּאָר יאָר און דער טאָן איז געווען אַ פּאָלעמישער. אין די אַרויסגעזאָגטע תּחילתדיקע צוועקן פֿון זשורנאַל אין 1941 געפֿינט מען איין

פּונקט וואָס גיט איבער אַ סך וועגן דער אַמביוואַלענטער באַציאונג מצד דער רעדאַקציע און איר הויפּט־רעדאַקטאָר יודל מאַרק צו יידיש אין אַמעריקע:

> עס איז נאַטירלעך וואָס מיר וועלן לייגן אַכט ספּעציעל אויף די פּאָזיטיווע אויפֿטוען פֿאַר יידיש אין אַמעריקע.

(מאַרק 1941: 2)

דער לייענער קען אַרויסדרינגען דערפֿון אַז יידיש אין אַמעריקע האַלט אין זיך אויך נעגאַטיווע אַסאָציאַציעס.

אין אַ דין וחשבון געשריבן מיט צען יאָר שפּעטער, קוקט די רעדאַקציע מער נישט אַזוי אויפֿן צושטייער פֿון אַמעריקע, די נײַע היים פֿון 1941, נאָר צוריק אויפֿן חרובֿ־געוואָרענעם מקור פֿון יידיש אין מזרח אייראָפּע.

> וואָס נאָר אויף דעם לאָזט זיך בויען די פֿאַרפֿײַנערטע און צונויפֿגענומענע כלל־שפּראַך [...] מיר האַלטן אין איין פֿאַרגעסן דאָס געזונטע, דאָס אײַנגע־פֿונדעוועטע, דאָס מאַסנדיקע, דאָס רוי־ערדישע יידיש.

(מאַרק 1950: 34)

אין 1941 האָט מאַקס ווײַנרײַך געפּסקנט אַז די אַקטועלע שמועס־שפּראַך אין אַמעריקע איז אין אַ „צושטאַנד פֿון דיסינטעגראַציע" (מ. ווײַנרײַך 1941: 34). דאָס איז אַ קלאָרער אָפּשאַץ פֿונעם ווערט פֿון אַ שפּראַך. דאָס יידיש פֿון די וואָס זאָגן האָט געגייט, *מיט אַ שלאָס און מיטאָן אַ שלאָס*, די וואָס זאָגן דו צו דערוואַקסענע מענטשן, רופֿט ווײַנרײַך נישט קיין יידיש, נײַערט גויאיש. ס'אינטערעסירט אים נישט די מאַיאָריטעט יידן. נישט אָנווײַזנדיק אויף קיין פֿאַקטן, זאָגט ער אַרויס זײַן מיינונג: דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער יידיש־רעדנדיקער וואָלט גענוצט יעדער ענגליש וואָרט (מ. ווײַנרײַך 1941: 35). לויט מײַן פֿאָרשונגס־פּראַקטיק מיט אַמעריקאַנער־געבוירענע יידיש־רעדנדיקע מיט 47 יאָר שפּעטער איז ווײַנרײַכס אויספֿיר אַבסאָלוט נישט אמת. מ'זעט דערין, אַז צו דער פֿראַגע קומט ווײַנרײַך מיט אַ סך עמאָציאָנעלער אויפֿגערעגטקייט און ווייניק וויסנשאַפֿטלעך געקליבענע דאַטן.





אין מאַקס ווײַנרײַכס אַרטיקל וועגן די הויפּט־שטרײַכן פֿון דער כלל־שפּראַך, געדרוקט נאָך זײַן טויט, באַווײַזט ער דאָס ביטול־געפֿיל וואָס די ייוואָ שפּראַך־נאָרמירער האָבן אַנטוויקלט בנוגע דעם צושטייער פֿונעם אַמעריקאַנער יידיש (מ. ווײַנרײַך 1971: 12, 15, 16). ער שליסט אויס פֿונעם קיבוץ וואָס שפּילט אַ ראָלע אינעם אויפֿשטײַג פֿון יידיש דאָס רובֿ יידיש־רעדנדיקע וואָס זײַנען אויך ענגליש־רעדנדיקע. וואָס איז זײַן באַגרינדונג? פֿאַרגלײַכנדיק די ראָלע פֿון די וואָס האָבן גענוצט דאָס וואָרט *פֿלאָר* 'דיל' אין זייער יידיש אין ניו־יאָרק אין 1920 מיט יענע וואָס האָבן גענוצט *פּאָדלאָגע* אין ווילנע אין דער זעלבער צײַט, דאַרף מען זיך רעכענען נאָר מיט דער צווייטער גרופּע, ווײַל די קינדער פֿון דער ערשטער גרופּע רעדן אין 1968 ענגליש, שרײַבט ווײַנרײַך, און אויב די קינדער פֿון דער צווייטער גרופּע לעבן, רעדן זיי יידיש. דאָס הייסט, אַז שוין אין 1968 האָט *פּאָדלאָגע* פֿאַרלוירן זײַן „לעקסישן קאָנקורענט" *פֿלאָר*. די פֿראַגע פֿאָדערט דאַטן וואָס ווײַנרײַך האָט נישט געהאַט. איך פֿאָרש די יידישע שפּראַך פֿון די וואָס זאָגן *פֿלאָר* אין 1988.

הגם די דערמאָנטע צוועקן פֿונעם זשורנאַל *יידישע שפּראַך* קאָנצענטרירן זיך אויף פּראַקטישע פֿראַגן וואָס האָבן אַ שײַכות מיט דער כלל־שפּראַך, און הגם דער זשורנאַל געפֿינט זיך אַלע יאָרן אין אַמעריקע, שטעלט זיך דער זשורנאַל אָפּ זייער זעלטן אויף אַקטועלע סצענאַרן וואו די גערעדטע כלל־שפּראַך ווערט גענוצט אין אַמעריקע און דאָס גופֿא הייבט אַרויס דאָס נישט לייגן אַכט אויף דער אַמעריקאַנער יידישער קולטור־שפּראַך מצד דעם זשורנאַל, ווי אויך דאָס נישט זײַן געטרײַ די כלומרשטדיקע צילן פֿון באַהאַנדלען דעם אַקטועלן באַנוץ.

אי ווײַנרײַך אי מאַרק האָבן געהאַט אַ פֿאַרשאַרפֿט נעגאַטיווע באַציאונג צום רובֿ אייגנשאַפֿטן פֿון יידיש אין אַמעריקע. איך האָב דיסקוטירט אַ פּאָליטיק מצד פֿאָרשער לגבי יידיש אין אַמעריקע וואָס האָט געשטערט די מעגלעכקײַטן צו פֿאָרשן דעם אַקטועלן שפּראַך־באַנוץ, אַ גאָלדענע געלעגנהײַט אויסצוגעפֿינען פּראָצעסן פֿון שפּראַכן, דיאַלעקטן און קולטור ווי אויך אַנדערע פּשוטע פֿאַקטן וועגן גערעדטן יידיש וואָס זײַנען גילטיק אין אַ סך לענדער און פֿאַרשידענע עפּאָכעס.

## III

דער פֿאַרגלײַך מיטן מצבֿ פֿון דער זעלביקער פֿאָרשונגס־פּראָבלעמאַטיק אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ווײַזט אָן אי אויף ענלעכקײַטן אי אויף אַנדערשקײַטן. אין אַמעריקע רעדט מען וועגן דער אַרבעט פֿון עטלעכע שפּראַך־פֿאָרשער במשך פֿון די פֿאַרגאַנגענע פֿופֿציק יאָר. אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט די אָרגאַניזירטע יידישע וויסנשאַפֿט נאָר עקזיסטירט פֿופֿצן יאָר, אָנהייבנדיק 1925-1926 ווען די סטאַבילע אינסטיטוטן אין מינסק און קיעוו זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן ביז דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז אַרײַן אין מלחמה. אין אַלגעמיין איז די וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט געווען נאָך יונג אין מזרח אייראָפּע. סײַ אין פּוילן און די באַלטישע לענדער, סײַ אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, האָט מען לגבי יידיש געפּרוּווט פֿעסטשטעלן דעם יחוס פֿון דער ליטעראַטור־שפּראַך און אָפּדרוקן און אַנאַליזירן די עלטערע יידישע טעקסטן. דערצו האָט מען פּונקט ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער אין צענטראַל און מזרח אייראָפּע געזאַמלט פֿאָלקלאָר און געשאַפֿן נאָרמאַטיווע ווערטערבוכער פֿון אָרטאָגראַפֿיע, גראַמאַטיק, ווי אויך ווערטערביכער און טערמינאָלאָגיעס. נאָר צוליב דער אונטערשטיצונג פֿון דער רעגירונג האָבן די שפּראַך־פֿאָרשער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד געקענט אַרײַנפּרעסן אין די פּאָר יאָר וואָס מ'האָט זיי געשאָנקען אַ סך מער אַקטיווקײַט ווי אין די מערבֿ־לענדער. יודל מאַרק האָט זיי מקנא געווען, שרײַבנדיק אַז זיי זײַנען געזעסן „על התורה ועל העבֿודה" (מאַרק 1940: 32). ספּעציעל האָבן די לינגוויסטן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד געשאַפֿן טערמינאָלאָגיעס פֿאַר די סאָוועטישע אינסטיטוציעס: שולן, געריכטן, סאָוועטן, אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע קאָאָפּעראַטיוון.

אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט די לינגוויסטיק באַטאָנט, אַז די שפּראַך איז סאָציאַל דיפֿערענצירט און די קריטיק פֿון דער טראַדיציאָנעלער געאָגראַפֿישער דיאַלעקטאָלאָגיע האָט אונטערגעשטראָכן אַז מ'מוז באַשטימען די סאָציאַלע פֿאַרשידנאַרטיקײַט. געוואָלט האָט מען אויך אַז די שפּראַך־וויסנשאַפֿט זאָל פֿעסטשטעלן, אַז אין איינעם מיט דער אַלגעמיינער געזעלשאַפֿט האָט די שפּראַך אויך דורכגעמאַכט אַ רעוואָלוציע. די ערנסטע שפּראַך־פֿאָרשער ווי ווײַנגער, שטיף, זאַרעצקי און ספּיוואַק האָבן זיך דערווײַטערט פֿון אַזאַ שטעלונג. כמעט יעדער פֿון





זיי באַטאָנט די וויכטיקײַט פֿון באַשטימען די פֿאַקטן, ווי אַזוי יידן רעדן אין די פֿאַרשידענע וואוין־ערטער, אין די פֿאַרשידענערליי אינסטיטוציעס, בײַ זייערע באַשעפֿטיקונגען. נאָר דער דרוק צו פּראָדוצירן די שפּראַך־מכשירים — די ווערטערביכער און טערמינאָלאָגיעס פֿאַר די שולן און אינסטיטוציעס — איז געווען אַזאַ שטאַרקער אַז די שווערע, לאַנגע אַרבעט פֿון שטודירן ווי אַזוי דאָס פֿאָלק רעדט און ווי אַזוי מ'נעמט אויף די רעקאָמענדאַציעס פֿון די שפּראַך־פּלאַנירער, אַ נויטווענדיקײַט בײַ יעדן פּראָצעס פֿון שפּראַך־פּלאַנירונג, איז קיינמאָל נישט מקוים געוואָרן.

אַחוץ דעם שפּראַך־אַטלאַס, וואָס ווײַנגער האָט אין אַ קורצער צײַט געשאַפֿן דורך שריפֿטלעכער קאָרעספּאָנדענץ און וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך זײַן טויט פֿון ווילענקין (1931), איז ווייניק געבליבן וועגן פֿאַרשידענע אינפֿאָרמאַנטן און ווי אַזוי זיי זײַנען סאָציאַל דיפֿערענצירט. אין שײַכות מיט אַן אויספֿאָרשונג פֿון די קלאַנגען š און s אין פֿאַרשידענע ווערטער אין איין שטח פֿון ווײַסרוסלאַנד האָט ווײַנגער (1928) אָנגעגעבן אַ סך פּרטים וועגן זײַנע אינפֿאָרמאַנטן. שטיפֿס שוואַך פּלאַנירטע עקספּעדיציע צו פֿאָרשן די זעלבע טעמע (זע שטיף 1929ב), נאָר אינעם צפֿון־מזרחדיקן עק פֿונעם ראַיאָן פֿון „סאַבעסדיקן לאָסן", כדי צו באַווײַזן די ווירקונג פֿון די סלאַווישע שפּראַכן, האָט אויך אָנגעגעבן אינפֿאָרמאַציע וועגן די אינפֿאָרמאַנטן, זייער עלטער, בילדונג, אַרבעט. נאָר מ'קריגט נישט קיין בילד פֿון דעם ווי אַזוי מענטשן רעדן, קיין לענגערע טעקסטן זײַנען זיכער נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן. שטיף (1929א: 28) גופֿא האָט, נאָך ווײַנגערס טויט, אים קריטיקירט אַלמאַי ער האָט נישט אָנגעגעבן גאַנצע רייד־טעקסטן.

זאַרעצקי איז געווען דער וואָס האָט צום בעסטן אָפּגעשאַצט די וויכטיקײַט פֿון באַשטימען דעם אַקטועלן באַנוץ. אין 1928 האָט ער פֿאָרגעלייגט אַז מ'זאָל אָבזערווירן און שטודירן די גערעדטע שפּראַך כדי צו באַשטימען די רוסישע עלעמענטן וואָס, לויט אים, האָבן דעמאָלט געשאַפֿן דעם גרעסטן אונטערשייד צווישן גערעדטער שפּראַך און ליטעראַרישער שפּראַך. ער האָט געוואָלט פֿאַרשטיין די השפּעה פֿון דער שול און געעצהט מ'זאָל רעקאָרדירן די קאָמוניקאַציע צווישן „ליטעראַריש־רעדנדיקע און פֿאָלקסמענטשן" (זאַרעצקי 1928: 60). די פּוריסטן ווי שטיף און אַפֿילו ספּיוואַק האָבן גערעדט וועגן פֿאָלקסטימלעכער שפּראַך און

שפּעטער מאַסנטימלעכער שפּראַך, נאָר זי נישט אָבזערווירט. זאַרעצקי (1931) האָט זיך אָבער שטאַרק אָפּגעזאָגט פֿון באַהאַנדלען ענינים פֿון סאָציאַלער דיפֿערענצירטקײַט צוליב דעם, האָט ער געשריבן, וואָס ער פֿאַרמאָגט נישט די פֿאַקטן. צווישן די סאָוועטישע אַרכֿיוואַלע מאַטעריאַלן אינעם יייוואָ איז דאָ אַ נאָטיץ, אַז אָנהייב 1932 האָט דער וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישער אינסטיטוט פֿאַר שפּראַך־קענטעניש אין מאָסקווע געפּלאַנעוועט אַ פּראָגראַם צו פֿאָרשן די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע בײַ דער יידישער באַפֿעלקערונג. נאָר קיין שפּורן פֿון אַזאַ פּראָיעקט פֿון זאַרעצקי זײַנען נישט פֿאַרבליבן. אינעם כּתבֿ־יד פֿון זאַרעצקיס „דערלערנט די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע אין יידיש: אַ פּראָגראַם פֿאַר אַקטיוויסטן" (= זאַרעצקי 1931), געדרוקט אין *אַפֿן שפּראַכֿפֿראָנט*, שטייט געשריבן אַז מ׳וועט אָנהייבן אַזאַ פּראָגראַם אין מאָסקווע. „סוף 1931" איז אויסגעשטראָכֿן און „אָנהייב 1932" איז צוגעגעבן געוואָרן (ווילנער אַרכֿיוו, יייוואָ, יידישע שרײַבער, טעקע 3229, פּאַפּיר 110943).

כֿאָטש אידעאָלאָגיש איז מען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד געווען פּאָזיטיוו אָריענטירט צו פֿאָרשן דעם אַקטועלן שפּראַך־באַנוץ האָט מען כמעט ווי גאָרנישט נישט אויפֿגעטאָן אויף דעם שטח. בלײַבן בלײַבן אונדז די רעקאָמענדאַציעס פֿון לינגוויסטן מכח טערמינען וואָס מ׳זאָל נוצן אין פֿאַרשידענע אינסטיטוציעס, נאָר וועגן דעם ווי אַזוי מ׳האָט אויפֿגענומען אַפֿילו אָט די טערמינען אין די פּאָר יאָר ווען די אינסטיטוציעס האָבן נאָך פֿונקציאָנירט ווייסן מיר זייער ווייניק.

אין די ביידע פֿאַלן, אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, איז עס נישט יושרדיק צו מעסטן די אויפֿטוען פֿון פֿאָרשער, באַנוצנדיק זיך מיט הײַנטיקע פּערספּעקטיוון. די סטרוקטורעלע לינגוויסטיק אין דער ערשטער העלפֿט צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך באַנוגנט מיט פֿאָרש־אַרבעט באַזירט אויף דער אינטראָספּעקציע פֿון די לינגוויסטן אַליין אין זייער אייגענער שפּראַך. די אַנטראָפּאָלאָגישע לינגוויסטן פֿון דער אַנדערער זײַט האָבן שטודירט שפּראַכֿן וואָס זיי האָבן ווייניק פֿאַרשטאַנען. די סאָציאָלינגוויסטיק און די שפּראַך־עטנאָגראַפֿיע איז ערשט אויפֿגעקומען מיט 25 יאָר צוריק דער עיקר אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד. קען מען נישט דערוואַרטן אַז דעמאָלטיקע פֿאָרשער זאָלן האָבן





אָנגעוואָנדן די מעטאָדיק פֿון הײַנטיקן טאָג. בלײַבן מיר הײַנט מיטן חשבון וואָס מיר פֿאַרמאָגן און וואָס אונדז פֿעלט.

## IV

מוז איך איצט אַנטפּלעקן כֿאָטשיק אַ ביסל וועגן מײַן פּאָליטיק מיט וועלכֿער איך טרעט אַרײַן אין דער פֿאָרש־אַרבעט. ציטירנדיק ווײַטער פֿונעם אַנטראָפּאָלאָג ברונער:

> It's ironic that the most important agendas, the implicit frames of reference, are the ones that we are all operating in and are almost impossible to uncover. We're all historically positioned. We all have our taken-for-granteds. The agendas that we are able to unveil are probably quite limited, what the discourse permits [...] the best that we can do is to unveil the agendas of the middle range, those hidden enough to be interesting, but not so hidden that they become embarrassing if unveiled.
> (קאַפּלין 1988)

כֿאָטש איך טראַכֿט נישט קיין סך דערפֿון, פֿאַרנעם איך זיך מיט לעבעדיקע אינפֿאָרמאַנטן און מיט דער עטנאָגראַפֿיע פֿון אָפּראַטעווען. כֿאָטש מיר געפֿעלט אַרבעטן אין אַרכֿיוון פֿאַרשטיי איך אַז מענטשן שטאַרבן אָפּ בשעת פּאַפּירן און ביכֿער בלײַבן ליגן. דער דור וואָס איך אָבזערוויר, פּונקט ווי די שארית הפּליטה, שטאַרבט אָפּ. כֿאָטש יידיש ווי אַ טראַדיציאָנעלע גערעדטע שפּראַך האָט אַלעמאָל סימבאָליזירט דאָס וואָס שטאַרבט אָפּ, מוז איך אָנערקענען, אַז נאָך היטלער, איז דער דרוק אָפּצוראַטעווען געוואָרן וואָס שטאַרקער. מיר קענען דאָס נישט אויסמײַדן.

שפּראַך איז דער מיטל אויף אויסצודריקן די אינטימסטע זאַכֿן. דערפֿאַר האַלט איך אַז שפּראַך איז דער פֿאָקוס פֿון די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן כֿאָטש ס׳רובֿ סאָציאָלאָגן זײַנען נישט מסכּים. אויב מ׳וויל פֿאַרשטיין מענטשן און ווי אַזוי זיי גיבן איבער זייער קולטור לדור דורות מוז מען פֿאַרשטיין זייער שפּראַך.

איך אַרבעט מיט עלטערע מענטשן, און פֿון קינדווײַז אָן פֿלעג איך זיצן, זאָגן גאָרנישט, נאָר זיך גוט צוהערן ווי מײַנע באָבעס און זיידעס פֿלעגן רעדן יידיש צווישן זיך, דערציילן מעשיות צוזאַמען מיט זייערע לאַנדסלײַט. די דאָזיקע

דערפֿאַרונג האָט געמאַכט מעגלעך, אַז איך זאָל קענען זיצן און זיך גוט צוהער
ווי קינדער פֿון אימיגראַנטן רעדן ייִדיש מיט אַ סך יאָרן שפּעטער. דער בעסטע
אינטערוויואירער איז דער וואָס זאָגט גאָרנישט נאָר פֿאַרשאַפֿט אַ באַקוועמ
אַטמאָספֿערע פֿאַרן שמועס.

בעת דער פֿעלד־אַרבעט שטעל איך זיך פֿאָר פֿאַרן אינפֿאָרמאַנט לויט דעם
אמתן לעבן מײַנעם. איך רעד ייִדיש און ענגליש, פּונקט ווי די אינפֿאָרמאַנטן. אין
ווײַס, אַז זיי פֿאַרשטייען אַז איך האָב ליב צו רעדן ייִדיש און דאָס שטעלט מיט זיך
פֿאָר אַ גרויסע השפּעה, אַז זיי זאָלן רעדן ייִדיש. איך האָב אָנגעוויזן סײַ פֿון זייער
שפּראַכיקער אויפֿפֿירונג, סײַ פֿון מײַנער, אַז אין אַ סך פֿאַלן אַקאָמאָדירן מיר זיך
נישט. זיי טוען זייערס. זיי רעדן וועגן זייערע טעמעס, נישט מײַנע, לויט זייער
דיאַלעקט, נישט מײַנעם (אַן איבערבליק איבער דער טעאָריע פֿון שפּראַך־
אַקאָמאָדאַציע געפֿינט מען אין טאַקעראַר 1982). נאָר צום סוף פֿאַרשטיי איך, אַז
איך בין דער הויפּט־אַקטיאָר אויף דער סצענע. דאָס איז ווײַט פֿון דער פּאָזיציע
פֿון די עטנאָגראַפֿן אין די אַלטע צײַטן און ווײַט אַפֿילו פֿונעם אידעאַל פֿונעם
הײַנטיקן סאָציאָלינגוויסט לאַבאָוו וואָס וויל אַז די סוביעקטן זאָלן רעדן פּונקט ווי
דער באַטייליקטער אָבזערוואַטאָר וואָלט נישט געווען דערבײַ:

The aim of linguistic research in the community must be to find out how people talk when they are not being systematically observed.

(לאַבאָוו 1972: 209)

ס'קען נישט זײַן.

צוריק צום ענין: פֿאָרשן די גערעדטע שפּראַך. איך לייג פֿאָר אַז עטלעכע
פֿאָרשער זאָלן צוזאַמען צעאַקערן אָט דאָס געביט. איך בין נישט דער איינציקער
וואָס האַלט, אַז אָט די טעמע איז וויכטיק פֿאַר דער ייִדיש־פֿאָרשונג. פֿישמאַן האָט
אָט וואָס באַמערקט בנוגע דער פֿאָרשונגס־פּראָבלעמאַטיק פֿון ייִדיש:

Least examined of all is the multilingual repertoire in speech, i.e. the bulk of Yiddish linguistic realization during the entire millennium of its existence [...] The question here is not that of languages in contact or of language purity but of normative pragmatics in face-to-face interaction [...] For a language which both Jews and the world at large tend to peg as 'talky' (rather than 'bookish' or 'arty' or 'technical'), what we lack most are studies of Yiddish in conversational action.

(פֿישמאַן 1981: 61)





## ביבליאָגראַפֿיע


איצקאָוויץ, ה.

1944 „אַ זיצונג אויף אַ ריינעם ייִדיש" אין *ייִדישע שפּראַך* 4: 114-120.

בראַון, ר. און גילמאַן, א.

1960 R. Brown & A. Gilman, "The Pronouns of Power and Solidarity" in Sebeok 1960: 253-276.

גוטמאַנס, ט.

1958 „די שפּראַך פֿון אַ ייִדישער ראַדיאָ־סטאַנציע אין ניו־יאָרק" אין *ייִדישע שפּראַך* 18: 65-72.

גרין, יודזשין

1962 Eugene Green, *Yiddish and English in Detroit*. Unpublished PhD dissertation, University of Michigan.

דאָראָשקין, מילטאָן

1969 Milton Doroshkin, *Yiddish in America: Social and Cultural Foundations*, Fairleigh Dickinson University Press: Rutherford.

האַוגען, אײַנאַר

1953 Einar Haugen, *The Norwegian Language in America*, vol. 2, University of Pennsylvania Press: Philadelphia.

הײַלמאַן, ס.

1983 Samuel C. Heilman, *The People of the Book*, University of Chicago Press: Chicago.

**ווײַנגער, מרדכי**

1928 „וועגן יידישע דיאַלעקטן" אין *צײַטשריפֿט* 2-3: 614-652.

**ווײַנרײַך, אוריאל**

1953 Uriel Weinreich, *Languages in Contact*, Linguistic Circle of New York: New York.

**ווײַנרײַך, מאַקס**

1923 *שטאַפּלען*, וואָסטאָק: בערלין.

1941 „וועגן ענגלישע עלעמענטן אין אונדזער קולטור־שפּראַך" אין *יידישע שפּראַך* 1: 33-46.

1971 „די יידישע כּלל־שפּראַך אין דער צווייטער העלפֿט 20סטן יאָרהונדערט" אין *יידישע שפּראַך* 30: 2-18.

**ווילענקין, לייזער**

1931 *יידישער שפּראַכאַטלעס פֿון סאָוועטפֿאַרבאַנד, אויפֿן גרונט פֿון די דיאַלעקטאָלאָגישע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען צונויפֿגעזאַמלט געוואָרן דורך דער שפּראַכקאָמיסיע פֿון יידישן סעקטער פֿון דער ווײַסרוסישער אַקאַדעמיע אונטער מ. ווײַנגערס אויפֿפֿירונג*, ווײַסרוסישע וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע, יידישער סעקטער: מינסק.

**זאַרעצקי, אײַזיק**

1928 „וואָס קען מען טון אויף די ערטער פֿאַר יידישער שפּראַך־אַרבעט?" אין די *יידישע שפּראַך* 11-12: 57-64.

1931 „דערלערנט די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע אין יידיש: פּראָגראַם פֿאַר אַקטיוויסטן" אין *אַפֿן שפּראַכפֿראָנט* 26-27: 69-80.





**טאַקעראַר, דזש. נ. און אַנדערע**

1982 Jitendra N. Thakerar, Howard Giles and Jenny Cheshire, "Psychological and Linguistic Parameters of Speech Accommodation Theory" in Fraser and Scherer 1982: 205-255.

**יאָכנאָוויץ, דזשאָרדזש**

1968 George Jochnowitz, "Bilingualism and Dialect Mixture Among Lubavitcher Hasidic Children" in *American Speech* 43: 182-200.

**יאָפֿע, יודאַ א.**

1936 „יידיש אין אַמעריקע" אין *ייוואָ־בלעטער* 10: 127-145.

1943 Judah A. Joffe, "The Development of Yiddish in the United States" in *Universal Jewish Encyclopedia*, vol. 10, 601-602.

**לאַבאָוו, וויליאַם**

1972 William Labov, *Sociolinguistic Patterns*, University of Pennsylvania Press: Philadelphia.

**מאַרק, יודל**

1938 „יידישע אַנגליציזמען" אין *יאָרבוך פֿון אַמאָפּטייל פֿון ייוואָ* 1: 296-321.

1940 „יידישע לינגוויסטישע אַרבעט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד" אין *ייוואָ־בלעטער* 16: 31-44.

1941 י. מ., „פֿון דער רעדאַקציע" אין *יידישע שפּראַך* 1: 1-2.

1950 י. מ., „פֿון דער רעדאַקציע" אין *יידישע שפּראַך* 10: 33-34.

מינץ, דזשעראָם

1968 Jerome R. Mintz, *Legends of the Hasidim*, University of Chicago Press: Chicago.

מײערהאָף, באַרבאַראַ

1978 Barbara Myerhoff, *Number our Days*, E. P. Dutton: New York.

נױמאַן, דזש.

1938 J.H. Neumann, "Notes on American Yiddish" in *Journal of English and Germanic Philology* 37: 403-421.

סלאָבין, דאַן

1963 Dan Slobin, "Some Aspects of the Use of Pronouns of Address in Yiddish" in *Word* 19: 193-202.

סעבעאָק, ט. א.

1960 T. A. Sebeok (ed.) *Style and Language*, MIT Press: Cambridge, Mass.

פֿישמאַן, שיקל

1965 Joshua A. Fishman, *Yiddish in America*, Mouton: The Hague.

1981 "The Sociology of Yiddish: A Foreword" in J.A. Fishman (ed.) *Never Say Die. A Thousand Years of Yiddish in Jewish Life and Letters*, Mouton: The Hague, 1981: 1-97.

1985 (ed.) *The Rise and Fall of the Ethnic Revival*, Mouton: Berlin.





פֿרײזער, קאָלין און שערער, קלאַוס ר.

1982 Colin Fraser and Klaus R. Scherer (eds.) *Advances in the Social Psychology of Language*, Cambridge University Press: Cambridge.

קאָפּלין, עלען ק.

1988 Ellen K. Coughlin, "Anthropologists Explore the Possibilities, and Question the Limits, of Experimentation in Ethnographic Writing and Research" in *The Chronicle of Higher Education*, 30 November: A8.

קירשנבלאַט־גימבלעט, באַרבאַראַ

1972 Barbara Kirshenblatt-Gimblett, *Traditional Storytelling in the Toronto Jewish Community*. Unpublished PhD dissertation, Indiana University: Indiana.

ראָנטש, י. און אַנדערע

1969 Judah Ronch, Robert Cooper and Joshua Fishman, "Word Naming and Usage Scores for a Sample of Yiddish-English Bilinguals" in *Modern Language Journal* 53: 232-235.

רײפֿילד, דזש. ר.

1970 J.R. Rayfield, *The Language of a Bilingual Community*, Mouton: The Hague.

שטאַרקמאַן, משה

1939 „צו דער געשיכטע פֿון יידיש אין אַמעריקע" אין *יאָרבוך פֿון אַמאָפּטײל פֿון ייוואָ* 2: 90-181.

שטיף, נחום

1929א „מ. װײַנגערס דיאַלעקטאָלאָגישע אַרבעטן" אין *די יידישע שפּראַך* 14: 11-36.

רחמיאל פּעלץ

1929ב „די דיאַלעקטאָלאָגישע עקספּעדיציע פֿון דער קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור" אין די *ייִדישע שפּראַך* 19: 1-26.

### הערה

דער רעפֿעראַט אויף וועלכן די איצטיקע אַרבעט בויט זיך איז געלייענט געוואָרן אויף דער פֿערטער יערלעכער אָקספֿאָרדער ווינטער־סימפּאָזיום איבער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, 11-13 דעצעמבער 1988.